אין יענעם טאָג זענען געקומען צו אים צדוקים, 23
וואָס זאָגן, אַז עס איז נישטאָ קיין תחית־המתים, און
האָבן אים געפרעגט, אַזוי צו זאָגן: רבי, משה האָט 24
געזאָגט: ווען עמיצער וועט שטאַרבן, נישט האָבנדיק
קיין קינדער, זאָל זיין ברודער מיבם־זיין זיין ווייב,
און אויפשטעלן זאָמען צו זיין ברודער. און בײַ 25
אונדז זענען געווען זיבן ברידער; און דער ערשטער
האָט חתונה־געהאַט און איז געשטאָרבן, און ווײַל ער
האָט נישט געהאַט קיין זאָמען, האָט ער איבערגעלאָזט
זיין ווייב צו זיין ברודער. דעסגלײַכן אויך דער 26
אַנדערער און דער דריטער, ביז צום זיבעטן.
צולעצט, נאָך אַלע, איז די פרוי געשטאָרבן. 27
דעריבער, בײַ תחית־המתים, וועמעס ווייב פון די 28
זיבן וועט זי זיין? ווארום אַלע האָבן זי דאָך געהאַט.
ישוע אָבער האָט ענטפערנדיק צו זיי געזאָגט: איר 29
בלאָנדזשעט, ווייל איר קענט נישט די כתבי־
(הקודש), און אויך נישט די קראַפט פון ג־ט.
ווארום בײַ תחית־המתים נישט מען האָט חתונה, 30
נישט מען מאַכט חתונה, נאָר מען איז ווי מלאָכים אין
הימל. און וואָס שייך תחית־המתים, האָט איר דען 31
נישט געלייענט, וואָס עס איז געזאָגט געוואָרן צו
אייך פון ג־ט, אַזוי צו זאָגן: איך בין דער ג־ט פון 32
אברהם, און דער ג־ט פון יצחק, און דער ג־ט פון
יעקב? ער איז נישט דער ג־ט פון טויטע, נאָר פון
לעבעדיקע. און ווי די המונים מענטשן האָבן דאָס 33
געהערט, האָבן זיי געשטוינט איבער זיין תורה.
און ווען די פרושים האָבן געהערט, אַז ער האָט 34
די צדוקים פאַרשטאָפּט דאָס מויל, האָבן זיי זיך
פאַרזאַמלט; און איינער פון זיי, אַ תלמיד חכם, 35
האָט אים אויסגעפרואווט און געפרעגט: רבי, וועלכע 36
מצווה איז די גרעסטע אין דער תורה? און ער 37